בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל

וזג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם

### פרשת ויחי

# דער יסוד פון חרטה

**פרנס השבוע**

נתנדב ע"י

מו"ה הרוצה בעילום שמו הי"ו

**לרגל הולדות בנו למז"ט**

לרפואת שלימה

**יהודא בן רחל** בתושח"י

לע"נ

**אברהם חיים ב"ר דוב** ע"ה


צו מנדב זיין רופט:

**347.451.0332**

אימעילט: Director@torasavigdor.org




לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נויטיגט זיך אין א **ישועה,**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.222.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-0332**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**


בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת ויחי

שנה ד׳

# דער יסוד פון חרטה

## תוכן:

חלק א. וויינען אין פאראייניגונג - חלק ב. וויינען מיט תשובה - חלק ג. טרויערן ריכטיג

## חלק א. וויינען אין פאראייניגונג

### דורכלעבן דעם הונגער

נאך וואס יעקב אבינו איז נפטר געווארן, זענען יוסף׳ס ברידער אים געקומען באזוכן און זיך דורכשמועסן איבער וואס עס איז פארגעקומען צווישן זיי; זיי האבן זיך געבעטן ביי אים ער זאל זיי פארגעבן אויף דאס וואס זיי האבן געטון מיט אים אזויפיל יארן צוריק אין ארץ כנען. און ווען דער פסוק באשרייבט די סצענע שטייט דארט אז יוסף האט אויסגעבראכן אין א געוויין: **וַיֵּבְךְּ יוֹסֵף בְּדַבְּרָם אֵלָיו** - יוסף האט געוויינט ווען זיי האבן גערעדט צו אים (ויחי נ:יז).

אצינד איז די שאלה, וואס איז געווען די סיבה צו זיין וויינען? אויף וואס איז דא געווען צו וויינען? נאך אלעם, האט יוסף אליין באטאנט, ״ס׳איז געווען דער האנט פון באשעפער!״ **אֱלֹקִים חֲשָׁבָהּ לְטֹבָה** - ״דער באשעפער האט אינזין געהאט צום גוטן,״ האט ער געזאגט צו זיינע ברידער (שם כ).

ווייל ווען נישט, ווען עס האט אויסגעבראכן א הונגער אין לאנד כנען, ווער דען וואלט געראטעוועט זיין פאמיליע? זיי זענען געווען פרעמדע אין א פרעמדע לאנד וואס האבן נישט פארמאגט קיין אייגענע פעלדער. אפילו די לאקאלע איינוואוינערס פון לאנד וועלכע האבן פארמאגט פעלדער און האבן אוועקגעלייגט זייער ווייץ אויף שווערע צייטן האבן מורא געהאט אויב זיי וועלן דורכלעבן. און די בני יעקב, זיי זענען געווען פרעמדע אין לאנד וואס האבן נישט פארמאגט קיין פעלדער. זיי האבן נישט געלעבט פון ערד ארבעט; זיי האבן געפאשעט שאף און די שאף אליין וואלטן אויך געשטארבן ווען די גראז ווערט פארטריקנט און זיי וואלט פארבליבן אן גארנישט. קיינער וואלט נישט געווען אזוי משוגע זיי צו פארקויפן עפעס תבואה אין דער הונגער צייט. עס וואלט זיכער געמיינט א סכנה פון טויט פאר די משפחה אויב וואלטן זיי פארבליבן אין כנען. און דערפאר האט יוסף צוריקגעקוקט צו די האנט פון באשעפער און געזאגט, ״ס׳איז אלעס געווען צום גוטן.״ ער האט דאס נישט געזאגט בלויז צו זיין אנשטענדיג - ער האט עס געמיינט מיט דעם פולסטן ערנסטקייט.

## פארוואס וויינען

ס'איז ריכטיג אז ער האט אסאך געליטן - דאס אז א יונגער בחור זאל ארויסגעריסן ווערן פון שויס פון זיין פאמיליע און ווערן פארקויפט אלס א קנעכט אין א ווייטע לאנד, דאס איז נישט געווען קיין לייכטער נסיון. און דאן האט ער געהאט פארמעסטונגען אין הויז פון זיין האר; ער איז פאלש באשולדיגט געווארן דורך דעם ווייב פון פוטיפר און ער איז אריינגעווארפן געווארן אין תפיסה ארומגענומען מיט אייזערנע קייטן. דאס זענען געווען גאר אסאך ליידענישן, נישטא קיין ספק אין דעם. אבער יעצט איז אלעס געווען פאריבער און קוקנדיג אויף צוריק, האט יוסף געזאגט, "ס'איז נישט געווען אייך, מיינע ברידער. ס'איז געווען די האנט פון באשעפער וואס האט געראטעוועט די לעבנס פון אונזער פאמיליע." און יוסף האט גארנישט געהאלטן אין הארץ קעגן זיינע ברידער און דערפאר האט נישט געדארפט זיין עפעס אנדערש ווי פרייד - עס וואלט געדארפט הערשן בלויז פרייד אינעם אטמאספער. איבער וואס איז געווען דאס געוויין?

איר ווייסט, א שוואכלינג וואלט געקענט וויינען ווייל כאטש ער וואלט געזאגט מיט זיין מויל, "ס'איז אלעס געווען צום גוטן," גריזשעט אים נאך אין קאפ די זכרונות פון וואס ער איז אריבער צוליב זיינע ברידער'ס מעשים קעגן אים. א שוואכלינג וואלט אזוי געקענט טון, אבער יוסף איז געווען א שטארקער מאן און אלעס וואס ער האט געטון איז געווען מיט א טעם. ווען ער האט געזאגט, "**אֱלֹקִים חֲשָׁבָהּ לְטֹבָה**," האט ער פארשטאנען ווי די קלארקייט פון טאג אז אזוי איז עס. יוסף איז נישט געווען א ווייכער וואקלדיגער; ער האט נישט געוויינט פון שוואכקייט.

און דער אמת איז אז עס איז נישט דאס ערשטע מאל וואס מיר זעען אז יוסף האט געוויינט. איר געדענקט דאן ווען ער איז צום ערשטן מאל פאראייניגט געווארן מיט זיינע ברידער אין פאלאץ פון פרעה? מיר זעען אז אויך דאן האט יוסף געוויינט; ער האט שטארק געוויינט. כאטש וואס ער האט רואיג דערקלערט פאר זיינע ברידער אז, **כִּי לְמִחְיָה שְׁלָחַנִי אֱלֹקִים** - דער באשעפער האט מיר געשיקט פאראויס צו שפייזן די פאמיליע" (שם. מה:ה); ס'איז אלעס מיט השגחה - מיר זענען בלויז שפיל מענטשעלעך אין די הענט פון דעם קעניג, אבער דאך האט ער פארגאסן טרערן.

## א פרייליכע פאראייניגונג

אלזא, עס קען זיין אז די קשיא שטערט אונז נישט אזוי שטארק ווייל מיר שפירן אז עס איז געווען א געוויסע בארעכטיגונג צו זיין געוויין; מיר שפירן אז אויב מיר וואלטן געווען אין דעם מצב וואלטן מיר אויך געוויינט. טרערן זענען אן אויסדריק פון שטארקע געפילן און עס איז דא אזא זאך ווי טרערן פון פרייד. צומאל, אפילו ווען מ'הערט א וויץ און עס רירט אן דעם ריכטיגן פונקט, קענען מענטשן וויינען פון געלעכטער. זיי לאכן און טראפנס רינען אראפ פון זייערע באקן. א גוטער בדחן קען צומאל צוברענגען מענטשן אראפצופאלן פון זייערע זיצן אויף דער ערד און זיי לאכן און דאן וויינען זיי היסטעריש.

איז אפשר וועט איר זאגן אז יוסף איז געווען איבערגענומען מיט פרייד; ער האט אויסגעבראכן אין א שמחה אזוי ווי עס וואלט פאסירט מיט אונז. אויב האט איר אמאל בייגעוואוינט א פאראייניגונג צווישן ברידער נאכ'ן זיין אפגעטיילט פיל יארן - איך האב עס אמאל געזען; עס איז אפילו נישט געווען א אידישע פאמיליע, עטליכע איטאליענישע ברידער האבן זיך געטראפן נאכ'ן זיין אפגעטיילט פאר מער ווי צען יאר און זיי האבן געוויינט ווי קליינע קינדער.

ס'איז ריכטיג, צומאל ווען איטאליענישע האבן צוזאמקומפטן ציען זיי ארויס מעסערלעך איינער קעגן צווייטן, אבער דאס איז בלויז א טייל פון שליכטן ביזנעס רייבערייען - זיי ווען נאך אלץ וויינען איינער איבער'ן צווייטן'ס פלייצעס ביים זיך טרעפן נאך פיל יארן פון זיין אפגעטיילט; אפילו ערוואקסענע מענטשן וועלן וויינען.

## אנדערע סארט געפילן אויסדריקן

און אזוי קענט איר זאגן אז ווען יוסף האט זיך פאראייניגט מיט זיינע ברידער, און שפעטער ווען ער האט זיך דורכגעשמועסט מיט זיי, איז עס געווען א צייט פון א גרויסע שמחה און דאס איז פארוואס ער האט געוויינט. פונדעסטוועגן, דאס שטעלט אונז אריין אין די נישט ריכטיגע שיך. מיר שטעלן זיך פאר ווי גלייך אונזערע געפילן זענען די זעלבע סארט ווי די פון א גרויסער מענטש, יוסף הצדיק.

מיר דארפן פארשטיין אז ביי יוסף הצדיק און זיינע ברידער איז עס געווען פיל מער ווי די רויע געפילן פון די לאנג פארלוירענע איטאליענישע ברידער וואס טרעפן זיך ווידעראמאל. ס'איז אויך פיל מער ווי ווען אידישע ברידער טרעפן זיך ווידעראמאל. און ווען זיי האבן זיך נאכאמאל דורכגעשמועסט נאך וואס יעקב אבינו איז נפטר געווארן, איז עס געווען פיל מער ווי אן אויסברוך פון געפילן פון זיך דורכקומען. איז וואס איז עס געווען? איבער וואס זענען געווען די דאזיגע טרערן?

## דער סוף און דער אנהייב

יוסף האט געטראכט פון די געוואלדיגע תורה לערנונג, עפעס וואס שלמה המלך האט געזאגט מיט אזויפיל יארן שפעטער (קהלת ז:ח): **טוֹב אַחֲרִית דָּבָר מֵרֵאשִׁיתוֹ** - א זאך איז גוט ביי זיין סוף ווען עס הייבט זיך אן גוט. ס'איז דא נאך א פשט, אבער דאס איז ווי אזוי אונזערע חכמים (רש"י אויפ'ן ארט) האבן געלערנט דעם פסוק: **טוֹב אַחֲרִית דָּבָר** - צי ווייסט איר ווען א זאך ענדיגט זיך גוט? **מֵרֵאשִׁיתוֹ** - אויב עס איז געווען גוט ביים אנהייב.

יוסף האט געוויינט ווייל אין יענעם מאמענט האט עס אים ערוועקט, 'ס'איז אמת אז מיר זענען אצינד אינאיינעם. מיר זענען ווידעראמאל פאראייניגט, א באחדות'דיגע פאמיליע, ברידער וואס האבן זיך ליב איינער דעם אנדערן. אבער ווי געוואלדיג דאס איז, איז עס בלויז א פארלאטעטע פארבינדונג. וויפיל בעסער וואלט געווען אויב די געשעעניש וואלט זיך קיינמאל נישט אפגעשפילט.'

'קוקט אויף די אלע יארן וואס זענען פארלוירן געגאנגען.' דאס איז וואס יוסף האט געטראכט. פיל יארן זענען פארביי געגאנגען; יארן אויף יארן. יוסף איז געווען זיבעצן יאר אלט ווען ער איז פארקויפט געווארן אלס קנעכט און ער איז געשטאנען פאר פרעה ווען ער איז געווען דרייסיג יאר אלט. און דערנאך האט ער זיך פאראייניגט מיט זיינע ברידער ניין יאר שפעטער. איז ווי אלט איז ער דאן געווען? ער איז געווען ניין און דרייסיג יאר אלט. די אלע יארן זענען געווען פארלוירענע יארן. צוויי און צוואנציג יאר זענען פארלוירן געגאנגען; צוויי און צוואנציג יאר פון קעגנזייטיגע פארדינסטן.

און דערפאר האט יוסף געוויינט אויף די דאזיגע פארלוירענע יארן. 'וויפיל מער פרייד וואלטן

מיר געקענט האבן אינאיינעם. ווי וואונדערבאר וואלט עס געווען; ווי גלענצנד וואלט עס געווען! **הִנֵּה מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים שֶׁבֶת אַחִים גַּם יָחַד** - ווי גוט און ווי אנגענעם וואלט עס געווען ווען מיר ברידער וואלטן געוואוינט אינאיינעם.׳

## ווי גוט...

עס שטייען דא צוויי באזונדערע זאכן. "גוט" און "אנגענעם". "גוט" מיינט, וויפיל פארדינסטן זאמלען זיך אן פאר אלע פון זיי. יעדער ווייסט אז ווען מען האט א חבורה פון גוטע מענטשן וואס ווילן דינען דעם באשעפער דאן פארדינט יעדער באזונדער אומשאצבאר מער, פיל מער ווי דער בעסטער יחיד וואס גייט פאר זיך.

איר זאלט קיינמאל נישט מאכן דעם טעות; טראכט נישט, ׳איך קען אנגיין דורך מיינע אייגענע רוחניות׳דיגע כוחות.׳ אפשר קענט איר, אבער איר זעט נישט איין וואס איר דערלייגט. יעדער מענטש ווערט געשטארקט און פארדינט אומשאצבאר פון א צווייטן; ס׳איז זייער וויכטיג צו זיין אינאיינעם מיט גוטע מענטשן.

און אויסער דאס שטארקן איינער דעם צווייטן, יעדער איינער מיט זיין אייגנארטיגער נאטור טוט ביישטייערן צום כלליות׳דיגן שלימות פון די פאמיליע. יעדער ברודער אין א משפחה איז אנדערש און אזוי, ווען ברידער און שוועסטערס לעבן אינאיינעם בשלום, טוט יעדן׳ס כאראקטער ביישטייערן צום גאנצן כלל. און דאס איז די שלימות פון א פאמיליע. דאס איז טוב!

## ...און ווי אנגענעם

**וּמַה נָּעִים** - ווי אנגענעם וואלט עס אויך געווען! אויסער וואס עס איז גוט, וואס עס איז נוצבאר, ווי אנגענעם וואלט עס געווען! די פרייד פון א משפחה איז איינע פון די גרעסטע אופנים פון הנאה אויף דער וועלט. דער בלויזער פאקט אז די ברידער קומען זיך צוזאם און זעען זיך איינער דעם אנדערן, זיי רעדן אינאיינעם, דאס איז א שמחה - ליבשאפט צווישן ברידער איז א זייער אנגענעמע געפיל.

אודאי אין אמעריקע ווערט עס פארזען. ס׳ווערט היינט איגנארירט. ברידער ציען זיך אוועק איינער פון צווייטן און מיטגלידער פון איין פאמיליע האבן צומאל זייער א שוואכע פארבינדונג. זיי קלינגען זיך איינער דעם צווייטן אויפ׳ן טעלעפאן, זיי שיקן זיך קארטלעך פאר ראש השנה; ס׳איז א זייער שוואכע פארבינדונג. אבער פאנדומענטאל איז דער פלאן פון באשעפער געווען אז דאס זאל זיין איינע פון די גליקן פון לעבן. פאמיליע איז איינע פון די הנאות פון לעבן!

די פארצייטישע אייראפעאישע פאמיליעס וואס זענען געקומען קיין אמעריקע פלעגן פארברענגען צייט אינאיינעם. זיי האבן נישט געהאט די געוואוינהייט פון גיין צו טעאטערס. די פארצייטישע מענטשן זענען נישט געגאנגען צו טעאטערס - אפילו די אומרעליגיעזע. איך געדענק פון אלס קינד ווי פאמיליעס פלעגן זיך אפט צוזאמקומען און זיי זענען געזעסן דריי פיר שעה אינאיינעם; זיידע, באבע, די זין און טעכטער, די אייניקלעך, קליינע קינדער קריכנדיג אויף דער ערד. דאס הויז איז געווען פארפלייצט מיט מענטשן און דאס איז געווען זייער הנאה.

היינט איז עס לאנגווייליג. "לאמיר ערגעץ גיין. לאמיר עפעס טון." מענטשן הייבן אן אויפצוטוישן דעם אופן פון שמחה פאר נאכגעמאכטע שמחה וואס מ׳דארף צאלן געלט דעפאר;

היינט פארפאטשקעט מען געלט פאר באצאלטע אונטערהאלטערס אדער פאר רייזעס; זאכן וואס ווערן פארקויפט פאר אייך אלס אופנים פון פרייד אנשטאט די אריגינעלע וועגן ווי אזוי פאמיליעס פלעגן הנאה האבן.

## וואס וואלט געקענט זיין

און, יעצט, האט יוסף געוויינט אויף די פלייצעס און העלזער פון זיינע ברידער און ער האט געטראכט, 'וואס האבן מיר פארלוירן. וויפיל מער פרייליכע געלעגנהייטן וואלטן מיר געקענט האבן אינאיינעם! וויפיל מער טוב און וויפיל מער נעים וואלט געקענט זיין!'

לאמיר זאגן די ברידער וואלטן אים נישט באשולדיגט. לאמיר זאגן זיי וואלטן נישט געמאכט פלענער קעגן אים. לאמיר זאגן זיי וואלטן אלע געלעבט אינאיינעם פרידליך ווי ברידער דארפן זיין. דער באשעפער וואלט שוין געהאט זיינע וועגן און מיטלען צו ראטעווען די פאמיליע. ס'איז נישטא קיין ספק אז עס איז נישט געווען וויכטיג אז די פאמיליע זאל צעטיילט ווערן פאר אזוי לאנג כדי ער זאל זיך געפינען אין מצרים און צושטעלן עסן פאר די פאמיליע. דער באשעפער טרעפט וועגן און מיטלען. **הֲיַד ה׳ תִּקְצָר?**

און דערפאר, אין די צייט פון זיך פאראייניגן און זיך אויסגלייכן, ווען יוסף האט ווידעראמאל איבערגעלעבט די געפיל פון ליבשאפט צו זיינע ברידער און געשפירט די ווארעמקייט פון פארברענגען אינאיינעם און זייער געוואלדיגע גדלות, האט ער אצינד צוריקגעקוקט מיט באדויער אויף וויפיל זיי וואלטן געקענט אויפטון אינאיינעם און ער האט אויסגעבראכן אין א געוויין. ער האט געוויינט ביטערליך אויף די דאזיגע פארגאנגענע יארן. דאס איז אלעס פארלוירן אצינד און עס איז פארלוירן אויף אייביג.

און כאטש אלעס איז געווען צום גוטן, האט יוסף געוויינט ווייל עס וואלט געקענט זיין נאך בעסער. עס וואלט געווען פיל חשוב'ער, זייער פיל חשוב'ער, אויב ער וואלט פארבליבן אין געצעלט פון זיין פאטער אינאיינעם מיט זיינע ברידער. 'פארוואס האט דאס אלעס אויסגעפעלט? די אלע יארן וואלטן מיר געקענט פארברענגען אינאיינעם! וויפיל האבן מיר דערלייגט אין די דאזיגע יארן פון אפטיילונג!' יא, מיר זענען ווידעראמאל צוזאמען. וואונדערבאר! **טוֹב אַחֲרִית דָּבָר** - אבער ווי בעסער וואלט געווען, צו וויפיל מער וואלטן מיר געקענט דערגרייכן, **מֵרֵאשִׁיתוֹ** - אויב עס וואלט געווען גוט פון אנהייב. און דאס איז וואס האט אים געברענגט צו וויינען.

# חלק ב. וויינען פון תשובה

## צוריקפאלן צו די זינדיגע וועגן

אין שערי תשובה פון רבינו יונה (א:יא), רעדט ער פון די עיקרי התשובה, די יסודות פון תשובה. אלזא, כאטש מיר האבן נישט קיין צייט פאר די גאנצע נושא וואס איז זייער ברייט, וועלן מיר מוזן דורכשמועסן טייל דערפון כדי צו פארשטיין ריכטיג דאס געוויין פון יוסף הצדיק און וואס מיר קענען לערנען פון דעם.

איינע פון די ערשטע טריט צו תשובה איז אודאי **עזיבת החטא** - אפצולאזן די מעשים פון די זינד, צו אויפהערן זינדיגן. פונדעסטוועגן, איז עס נישט וואס איר טראכט אז עס איז. ווייל עס זענען דא פיל מענטשן וואס זינדיגן מער נישט, מענטשן וואס גייען שוין אויפ'ן גלייכן וועג פון ערליכקייט, היטן די הלכות, טוען אלעס - אבער דאס איז נאכנישט עזיבת החטא. זיי האבן נאכנישט באמת אפגעלאזט די זינד.

צי זעען מיר נישט פעלער פון זינדיגע וועלכע האבן געטוישט זייערע וועגן און אנגעהויבן לעבן ערליכע לעבנס און דאן ווען עס קומען אונטער געוויסע קריזיסן אין זייערע לעבנס, עפעס א פלוצלינגדיגע קאטאסטראפע וואס צערודערט זייער באלאנס און אצינד זינדיגן זיי? און אפילו אן קיין קאטאסטראפע, צי ווייסן מיר נישט וויפיל מענטשן הערן אויף צו זינדיגן און דערנאך פאלן זיי צוריק צו זייערע אלטע וועגן ווי גלייך עס איז קיינמאל נישט געווען קיין תשובה?

דאס מיינט אז דער מענטש האט קיינמאל נישט באמת אויסגעפירט דעם טייל פון עזיבת החטא; ער האט קיינמאל נישט געמאכט קיין מויער, אן אייזערנע וואנט, צווישן אים און דער זינדיגער וועג. עס קען זיין אז ער געפינט זיך יעצט אין א בעסערע סביבה און ער טרעפט זיך נישט פנים אל פנים מיט די געלעגנהייטן צו טון די דאזיגע זינד נאכאמאל; אבער ער איז נישט באמת באפעסטיגט. ער איז נישט באשיצט.

## דער ריכטיגער בעל תשובה

ס'איז נישט גענוג אז דו חזר'סט נישט איבער די זעלבע מעשים; עזיבת החטא מיינט אז דו האסט געענדיגט מיט דעם סארט לעבן; דאס מיינט אז דו מאכסט א פעסטער באשלוס, "מער נישט!" און נישט בלויז וואס דו מאכסט דעם באשלוס איינמאל ווען דו טוסט תשובה אום יום כיפור. ניין! דו זאגסט עס צו זיך נאכאנאנד. אויך אום סוכות. און נאך סוכות. אום חנוכה און פורים און אין א פשוט'ן מיטוואך. א גאנצע צייט האמערסטו עס ארויס פון זיך ביז עס איז אזוי פעסט איינדרויסן פון דיין מח ווי גלייך דו ביסט קיינמאל נישט געווען אין אזא סביבה פון זינד, ווי גלייך דו ביסט געבוירן געווארן אלס צדיק אין א משפחה פון צדיקים. דאס איז וואס עס ווערט געפאדערט פון א מענטש; ער מוז אויסניצן זיינע אלע כוחות צו פארבלייבן שטארק מיט זיין באשלוס, "קיינמאל מער נישט!" דאס איז עזיבת החטא.

אלזא, לאמיר זאגן איר הערט יעצט דעם שיעור אדער נאך בעסער איר האט געלערנט דעם שערי תשובה אינעווייניג און איר פירט אויס דעם פאנדומענטאלער יסוד פון תשובה, עזיבת החטא. און איר האלט זיך פעסט; יעדן טאג דערמאנט איר זיך, "איך וועל זיך קיינמאל נישט צוריקקערן דערצו." און אזוי זענט איר צופרידן מיט זיך. זייער גוט! פארוואס זאלט איר נישט זיין צופרידן? פיל מענטשן וואס האבן געטוישט זייער וועג פון לעבן אדער וואס האבן אויפגעהערט צו טון געוויסע נישט ריכטיגע זאכן זענען צופרידן מיט זיך - און מיט בארעכטיגונג; ס'איז נישט קיין גרינגע זאך צו מאכן אזא איבערטויש אין לעבן.

אבער דער אמת איז אז דאס איז נישט גענוג. נישט גענוג?! פארוואס נישט? דער ענטפער איז, אז עזיבת החטא איז בלויז אויפ'ן צוקומפט. "פון היינט אן, וועל איך זיין אן אנדערער מענטש." אבער וואס איז מיט די פארגאנגענהייט?

ס'איז נישט גענוג פאר א מענטש בלויז צו טוישן זיינע וועגן. אפילו אויב פון יעצט וועסטו זיך אנהייבן פירן ווי א צדיק גמור, אבער אויב באדויערסטו נישט דיין פארגאנגענהייט דאן איז עס אין דיין מח בלויז נאך א פרייוויליגער וועג וואס דו האסט אויסגעקליבן. דו קאמפלימענטירסט זיך אז דו ביסט געווארן א בעל תשובה, און די פארגאנגענהייט ווילסטו אינגאנצן פארגעסן.

## דער יסוד פון חרטה

אה ניין! דו קענסט נישט פארגעסן דערפון! א וויכטיגער יסוד צו א גאנצע תשובה איז חרטה, צו באדויערן דאס וואס האט פאסירט אין די פארגאנגענהייט. חרטה מיינט, אז דו דארפסט צוריקקוקן צו דיין פארגאנגענהייט און זאגן, "דער סארט מענטש וואס איך בין געווען, האב איך פיינט! איך בין אזוי פרייליך אז איך בין מער נישט ער!"

איר ווייסט, עס זענען דא געוויסע מענטשן וואס באלעבן נאך זייערע זכרונות, די אנגענעמע זכרונות פון זייערע פארגאנגענע שלעכטע מעשים, די גוטע אלטע צייטן וואס זיי האבן געהאט. כאטש זיי ווילן דאס מער נישט איבער'חזר'ן, אבער זיי קוקן צוריק מיט הנאה אויף די גוטע אלטע טעג ווען זיי האבן עובר געווען אויף זייערע יוגנט זינד, זייערע "נארישקייטן". זיי נעמען ארויס זייערע אלבאומס און זיי קוקן אויף די אלטע בילדער פון די אלטע טעג און זיי געניסן פון די זכרונות. "אודאי וועל איך דאס מער נישט טון," זאגט ער, "אבער אין די דאזיגע פרייליכע טעג האב איך אינגאנצן נישט געהאט קיין שכל און דערפאר האב איך געטון די דאזיגע זאכן." פרייליכע טעג?! אה ניין! חס ושלום. דאס זענען געווען נישט פרייליכע טעג! דאס זענען געווען די טרויעריגסטע טעג, די מערסטע נעבעכדיגע טעג.

דו דארפסט צוריקקוקן אויף די דאזיגע טעג ווי טעג פון דורכפאל און חורבן, ווייל דו וועסט דארפן באצאלן דערפאר. דער רבינו יונה זאגט, דו זאלסט אריינגעמען אין קאפ אז עס איז דא אן עונש, אז עס איז דא א באצאלונג פאר א זינד. ווי דער באשעפער האט געזאגט (דברים לב:לה), "**לִי נָקָם וְשִׁלֵּם** - צו מיר איז נקמה און באצאלונג." דאס מיינט אז דו זאלסט אין אכט נעמען וואספארא פראבלעמען דו האסט געברענגט אויף זיך דורך דיינע נישט גוטע מעשים. און דו זאלסט מורא האבן אויף וואס עס קען פאסירן אויף דער וועלט, אדער נאך ערגער, אויף יענער וועלט. און דו דארפסט דאס שטענדיג האלטן אין געדאנק, דער יראת העונש. דאס איז א טייל פון תשובה.

## א שטר חוב דארף מען באצאלן

למעשה, דאס קען אנטמוטיגן איינער וואס טראכט פון תשובה טון, אבער דאס איז נישט געזאגט געווארן פאר אזעלכע וואס זענען ניי צו אידישקייט. דער שערי תשובה איז א ספר פאר געלערנטע מענטשן וואס ווילן פארשטיין די נושא גרינטליך. און אזוי, כאטש וואס עס זענען דא פארשידנארטיגע טיילן צו חרטה, דארף ער וויסן אז די וויכטיגסטע איז צו מורא האבן פון א שטראף; א חרטה אויף וואספארא צרות ער האט ערוועקט צו קומען אויף זיך.

ווי אזוי קען עס אנדערש זיין? צי קען דען זיין אז א מענטש פארברענט א טייל פון זיין לעבן און דערנאך פארגעסט ער רואיגערהייט דערפון? ער דרייט איבער א נייע בלאט און ער טראכט אז די פארגאנגענהייט איז אפגעמעקט?! אויב איינער האט אונטערגעשריבן פיל דאקומענטן אין די פארגאנגענהייט און זיך מחייב געווען מיט גרויסע חובות, דאן שפעטער אין לעבן קען ער זיך נישט

אויסלאכן דערפון. אויף דער וועלט קען מען לעגאל באנקראטירן, מ'קען אנטלויפן צו אן אנדערע לאנד און זיך טוישן דעם נאמען. אבער ס'איז נישטא אזא זאך מיט'ן באשעפער. די אלע דאקומענטן וועלן צוריק אהיימקומען און איין טאג וועט עס זיך שטעלן פאר דיינע אויגן.

אויב א מענטש האט אמאל גערעדט אויף א צווייטן איד, אפילו איין לשון הרע, דארף ער וויסן אז ער האט אונטערגעשריבן א דאקומענט, א שטר חוב. און ער קען נישט פארגעסן דערפון! ווייל איין טאג ווען ער וועט אריבערגיין די גאס, וועט ער זיך אפשר פאררעכענען מיט דער צייט וויפיל עס נעמט צו אנקומען אויף די אנדערע זייט איידער א קאר קומט אן - דער באשעפער קען אים צופירן צו מאכן דעם טעות צוליב דעם וואס ער האט אמאל גערעדט עפעס קעגן א צווייטן איד. יעדער דארף דאס אין אכט נעמען - ס'קען זיין אז דו ביסט א בעל חוב ביז איבער'ן קאפ.

## דער באדויערנדער בעל תשובה

אלזא, ווי אזוי קריכט א מענטש ארויס פון דעם זומפ? נישט דורך עס איגנארירן. כדי צו מינימיזירן זיין חוב, כדי עס צוביסלעך פארמינערן און ענדליך אינגאנצן אפווישן, דארף א מענטש שפירן חרטה איבער זיין פארגאנגענהייט; ווי מער עס טוט אים וויי, אלץ מער ווערט זיין פארגאנגענהייט אפגעווישט. דאס איז א טרייסט. ווי מער ער האט חרטה אויף וואס ער האט אמאל געטון, אלץ מער וועט עס אפגעווישט ווערן. נאכאמאל, עס ווערט נישט אפגעווישט בלויז דורך טוישן זיינע וועגן. עס ווערט נישט אפגעווישט בלויז דערפאר ווייל מ'חזר'ט נישט איבער די נישט גוטע מעשים. ניין, דאס איז נישט גענוג. אבער עס קען אפגעווישט ווערן אויב מען האט גענוג חרטה דערויף.

און דערפאר זענען דא צייטן ווען דו דארפסט אנצינדן דעם קראן פון חרטה, פון באדויער. פון צייט צו צייט, דארף א מענטש צוריקקוקן אויף זאכן וואס ער האט געטון וואס ער וואלט נישט געדארפט טון און די זאכן וואס ער האט נישט געטון וואס ער האט יא געדארפט טון. ער דארף צוריקקוקן אויף דעם וועג ווי ער האט געלעבט אין די פארגאנגענהייט און ער דארף האבן א טיפער געפיל פון חרטה. און אט די חרטה וועט צוביסלעך פארטונקלען די קלארקייט פונעם שריפט אויף די דאזיגע דאקומענטן וואס ער האט אונטערגעשריבן. צוביסלעך, צוביסלעך, וועלן זיינע טרערן אוועקוואשן די ווערטער און זיינע קרעכצן וועלן אוועקבלאזן טייל פון די אותיות און מיט די צייט וועט גארנישט פארבלייבן. ס'איז א ליידיגער פאפיר און ער איז גארנישט שולדיג.

אלזא, דאס איז א וויכטיגע זאך צו נעמען אין באטראכט - און דערפאר באטראכט דאס דער רבינו יונה אלס דער ערשטער יסוד פאר א בעל תשובה, צו חרטה האבן אויף די פארגאנגענהייט, צו שפירן א באדויער אויף וואס עס איז פארגעגאנגען פריער. דאס איז א טייל פונעם תיקון, צו צוריקקוקן און פארשטיין ווי נישט גוט דו האסט פריער זיך געפירט. אויב עס טוט דיר נישט וויי אויף וואס דו האסט געטון - אדער אפילו אויב ס'טוט יא וויי איז עס אבער נישט גענוג - אויב וועסטו קוקן מיט גלייכגילטיגקייט, מיט קלות, אויף די נישט גוטע מעשים וואס דו האסט געטון, דאן ביסטו נאכנישט קיין בעל תשובה.

## פארפאטשקעטע יארן

אבער ס'איז דא עפעס נאך טיפער ווי דאס, מער ווי בלויז באדויערן די פארגאנגענהייט. און

יעצט קומען מיר צוריק צו דער ענין אויף וואס יוסף האט געוויינט.

דער שערי תשובה זאגט אז דער דריטער עיקר פון תשובה, נאך חרטה און עזיבת החטא, איז יגון. יגון מיינט טרויער. למעשה, דאס איז אנדערש פון חרטה, באדויערן אויף וואס עס האט פאסירט. יגון מיינט עס זאל לייד טון אז עס האט פאסירט אזוי ווייל וויפיל בעסער וואלט געווען אויב איך וואלט נישט עובר געווען אויף די עבירה! וויפיל וואלט איך געקענט קונה זיין און וויפיל הצלחה וואלט איך געהאט אויב איך וואלט נישט געמאכט דעם טעות!

לאמיר זאגן א אינגל איז געזעסן אין חדר און ער האט פארפאטשקעט זיין צייט; ער האט ארומגעפוסטעוועט מיט אנדערע אינגלעך אין כתה אנשטאט צו צוהערן צו דעם רבי'ן. און אזוי זענען חדשים אריבער, דאן זענען יארן פארביי, און ענדליך אנערקענט ער יעצט אז ער האט פארפאטשקעט זיינע חדר יארן.

אודאי קען ער אויספירן דעם עזיבת החטא; ער קען אויפשטעלן א וואנט פון "מער קיינמאל נישט," און אפלאזן דעם וועג פון זינד. ער קען פילן באדויערונג און זארגן איבער א שטראף אזוי שטארק אז זיינע טרערן פארמעקן דעם שטר חוב.

## אנגרייטן פאר'ן צוקומפט

אבער ער זאל נישט פארגעסן פון יגון; א טייל פון תשובה איז צו נעמען די צייט צו אריינטראכטן וויפיל בעסער וואלט געווען ווען ער וואלט געזעסן און געלערנט אין זיינע יונגערע יארן. ער וואלט שוין אצינד געקענט זיין א חשוב'ער מענטש. ווער ווייסט ווי גרויס ער וואלט אויסגעשטיגן?! אצינד, היינט, האט ער דערלייגט די יארן פון קענען אויסשטייגן, וואס די יארן זענען פארגאנגען אויף אייביג.

און דערפאר, צווישן די באשטאנדטיילן פון תשובה איז, די וויכטיגקייט צו צוריקקוקן און זאגן, "פארוואס האב איך דאס נישט געטון פריער? ווי גליקליך וואלט איך געווען אויב איך וואלט נישט ווידערגעשפעניגט אין מיינע יונגערע יארן, אויב איך וואלט נישט עובר געווען אויף די עבירה אדער די שלעכטע מעשים." און עס טוט אים ווי ווייל ער האט אסאך דערלייגט. געוויסע זאכן קען מען קיינמאל מער נישט צוריקברענגען; געוויסע זאכן ווערן פארלוירן אן צו קענען צוריקדרייען. ער קען נישט צוריקברענגען די יארן וואס זענען פארבייגעגאנגען וואס ער וואלט דערין געקענט פארברענגען מיט אזויפיל פרייד און מיט אזויפיל פארדינסטן. די איינע זאך וואס ער קען יא טון, פונדעסטוועגן, עס זאל לייד טון און ער זאל עס באדויערן. און דאס איז פארוואס יוסף איז געווען אריינגעטון אין יגון איבער די אלע יארן וואס זענען פארלוירן געגאנגען - ווייל צומאל איז דאס טרויערן אויפ'ן עבר די בעסטע הכנה אויפ'ן עתיד.

# חלק ג. טרויערן ריכטיג

## ניצן טרויער

למעשה, דער אמת איז אז כאטש עס לוינט צו פארשטיין די פאסירונג פון יוסף און זיינע ברידער בלויז פאר זיך, אבער מיר דארפן עס אויך צושטעלן צו פראקטישע טערמינען. דאס איז

פארוואס די מעשה שטייט באשריבן אין די תורה. אודאי שטייט עס אין די תורה צוליב פיל טעמים, אבער איין צוועק איז אז מיר זאלן לערנען דעם געוואלדיגן יסוד פון האבן חרטה און באדויערונג; פון צוריקקוקן און זען וואס וואלט געקענט זיין. ס'איז נישט גענוג צו זאגן, "אלעס האט זיך סיווי צום סוף אויסגעלאזט צום גוטן." איר דארפט צוריקקוקן און זען וואס וואלט געקענט זיין, אז עס וואלט זיך געקענט אויסלאזן פיל בעסער.

מיר זענען פעאיג צו שפירן אסאך טרויער; מיר האבן אין זיך אזא גרויסן זאפאס פון טרויער, נאר מיר דארפן עס ניצן מיט שכל; מיר זענען ערוואארטעט עס צו ניצן פאר די ריכטיגע צוועקן. איך האב אייך אמאל דערציילט איבער א לשון הקודש פייטן. ער האט געוואלט צוזאמשטעלן א פיוט. עס האט גערעגנט אינדרויסן און בשעת עס האט גערעגנט האט עס געקלאפט אויפ'ן פענסטער, האט ער געטראכט - דער גרויסער חכם האט געטראכט, 'ס'איז ווי טרערן פון טרויער וואס פאלן אויפ'ן שויב פון פענסטער.' האט ער געשריבן א פיוט, **מַאי קָמַשְׁמַע לָן הַגֶּשֶׁם** - וואס קומען די רעגן טראפנס אונז לערנען? **טִיף טִיף עַל חַלּוֹנוֹתֵינוּ** - די טראפנס אויף אונזערע פענסטער שויבנס, **כְּאִישׁ בִּבְכִי מְמָרֵר** - זענען ווי א מענטש וואס וויינט ביטערליך. דאס איז וואס דער משוגע'נער האט געזען אין די רעגן. ער האט געזען רעגן טראפנס קלאפן אויף די פענסטער שויבנס און עס האט אים געמאכט טרויעריג. 'עס רעגנט טרערן,' האט ער געטראכט, 'רעגן איז טרויער.'

למעשה, אויב ער וואלט אויסגעהערט דעם אמת'ן פייטן, די שירי דוד המלך, וואלט ער געוואוסט אז די רעגן לערנט אונז חסד פון באשעפער - דער טוב ומטיב! **הַמֵּכִין לָאָרֶץ מָטָר** (תהלים קמז:ח), ער גרייט אן רעגן פאר אונז, מיר דארפן די רעגן. יעדער טראפן איז א פערל! ס'איז חיות! ס'איז לעבן! וואסער איז לעבן! רעגן איז א חסד! אלע עסן איז רעגן! און אפילו דו ביסט רעגן! 80% פון דיין קערפער איז רעגן! איז וואס איז דא צו וויינען איבער דעם? ס'איז נאר אז די נארישע מענטשן מאכן זיך טרויעריג איבער די נישט ריכטיגע זאכן.

## וויינען איבער אויסגעגאסענע מילך

און דערפאר, אין מערסטנס פעלער, איז בעסער אנצוצינדן דעם קראן פון שמחה. ס'איז א נושא וואס מיר באשמועסן דא אפט. מיר האבן אין זיך א גרויסן זאפאס פון שמחה וואס מיר דארפן ארויסשעפן א גאנצע צייט, און אונזערע לעבנס וועלן ווערן פול מיט פרייד. א געווענליכער טאג, א "לאנגווייליגער" טאג, ווערט אן אומענדלאזער קוואל פון פרייד.

אבער ווי פרייליך מיר זאלן זיין, מוז אויך זיין חרטה אויפ'ן עבר. א מענטש מוז האבן אפטיילונגען אין זיין מח; די אלע געפילן האבן אן ארט, און יגון, טרויער איבער זאכן וואס זענען ווערד צו זיין טרויעריג איבער דעם, דינט אויך א וויכטיגן צוועק. דו קענסט אלעמאל זיין פרייליך, איבערגעפילט מיט שמחה, אבער דו מוזט פילן חרטה אויף וואס עס איז געווען פריער; צוריקקוקן אויף וואס עס איז פארלוירן געווארן דורך די זינד און טרויערן אויף וואס עס וואלט געקענט זיין.

אצינד, איך ווייס וואס די וועלט זאגט - אז אלעס וועט זיך צום סוף אויסלאזן גוט. "עס איז נישטא קיין נוצן פון וויינען איבער אויסגעגאסענע מילך," זאגן זיי. אבער דער אמת איז נישט אזוי; דער אמת איז וואס מיר לערנען דא פון יוסף הצדיק, אז צומאל לוינט צו וויינען איבער וואס עס האט פאסירט און אויף וואס עס וואלט געקענט זיין ווייל דאס אליין איז א תיקון.

## ווער פטור פונעם חוב

ווען דער באשעפער קוקט אריין אין א מענטש'ס מח און ער זעט לויטערע טרויער, רעכנט ער דאס; ער רעכנט די דאזיגע טרערן. און געמאסטן לויט'ן טרויער איז דער באשעפער מוחל דעם מענטש אויף וואס עס וואלט געקענט זיין. דאס איז א וויכטיגער טייל פון תשובה און כפרה צו וואס א מענטש קען דערגרייכן ווילאנג ער געפינט זיך נאך אויף דער וועלט.

און דאס איז אזוי וויכטיג, ווייל עס איז אויף דער וועלט וואו מיר ווילן פילן דעם יגון; ס'איז אויף דער וועלט וואו מיר ווילן שפירן דעם טרויער איבער אונזערע שלעכטע מעשים ווייל דאס מעקט אפ א גרויסן טייל פון אונזער חוב וואס דארף באצאלט ווערן אויף יענער וועלט. און אזוי, ווען א מענטש קען זיך אנגארטלען מיט כח צו ארויסגעבן א טרויער אויפ'ן עבר, איז דאס א געוואלדיגער תיקון פאר זיין נשמה.

אצינד, ס'איז דא נאך א וויכטיגער צוועק צו יגון; ס'איז עפעס וואס מיר קענען נישט אוועקגיין פון די נושא אן דאס צו דערמאנען. די ערשטע, וועל איך נאכאמאל זאגן, איז דער **הַשֵּׁם יִרְאֶה לְלֵבָב** (שמואל א טז:ז)

- דער באשעפער זעט דיין הארץ; און אויב ער זעט אז דו וואלטסט זיך באמת געוואונטשן אז עס זאל האבן געווען אנדערש, דאס מיינט עפעס. און עס וועט דיר גוט דינען אויף יענער וועלט.

## לערנען פון טעותים

אבער ס'איז דא א צווייטער צוועק וואס איז פונקט אזוי וויכטיג און דאס איז, אז יגון קען ערוועקן א שטויסקראפט זיך צו טוישן ווילאנג דו געפינסט זיך נאך דא. ווען די פארגאנגענהייט ווערט אויבערפלעכליך אויסגעגלאנצט, דאן איז דא א קליינער שטופ צו מאכן פאקטישע טוישן; אבער ווען א מענטש האט חרטה אויפ'ן עבר, ער איז פול מיט טרויער אויף זאכן וואס ער האט געטון אדער נישט געטון - דאס איז דער ערשטער שריט צו קונה זיין אינעם צוקומפט. מיר מוזן זיך לערנען פון אונזער פארגאנגענהייט און די פארגאנגענהייט פון אנדערע אדער וואס די תורה לערנט אונז און מאכן נוצן פון דעם געפיל פון חרטה און טרויער, כדי צו מאכן ענדערונגען אין אונזער לעבן.

אט איז א פאל, מיר וועלן איר רופן נעכא - דאס איז נישט איר נאמען. נעכא איז געווען א טעטיגע פרוי, זי האט געטון אלע שטוב ארבעט. זי איז געווען א פעאיגע באלעבאסטע און זי האט נישט אויפגעגעבן צו ארויפקריכן אויף לייטערס, אפילו אויף דער עלטער, צו אויפהענגען פירהענג. און איין טאג איז זי אראפגעפאלן און זיך צעבראכן איר לענדען.

איר לענדען האט זיך קיינמאל נישט פארהיילט און זי האט געדארפט פארבלייבן פאר יארן אין א ראדשטול. אצינד האט א קאלירטע פרוי געטון אלע שטוב ארבעט און דאס האט געטוישט אלעס אין איר לעבן. דאס איז געווען פאר איר א לעבעדיגער גיהנום. ביז צו די פאלן איז זי געווען א באלעבאסטע וואס האט אלעס געטון אליין. זי האט קיינמאל נישט גע'חלומ'ט פון איבערגעבן סיי וואספארא ארבעט פאר א דינסט. און יעצט איז זי געזעסן אין א ראדשטול און זי האט געהאט אסאך צייט צו טראכטן; אסאך צייט צו שפירן א צופ פון חרטה: 'וואס וואלט געווען אויב איך וואלט נישט ארויפגעקראכן אויף דעם לייטער?'

## טרויעריגע טראגעדיעס

און וואס איז מיט די פרוי וואס האט נישט אכטונג געגעבן אויף איר בעיבי? למעשה וואס עס האט פאסירט, דאס וועל איך אייך נישט דערציילן. איך וויל נישט אידענטיפיצירן די מעשה. עס איז מעשיות, לשון רבים. פיל מעשיות. ס'איז ריכטיג אז זי האט דערנאך געהאט נאך קינדער און זיי האבן געהאט פיל פרייליכע געלעגנהייטן, אבער עס איז דא איין ליידיגע ארט ביים טיש. בלויז איין קליינער מאמענט פון פארנאכלעסיגקייט ביים פענסטער. וואס האט פאסירט? א קליינע זאך. פאר א מאמענט האט זי נאכגעלאזט איר היטונג און זי באדויערט דאס אויף אייביג און אייביג און זי וועט עס באדויערן אויף יענער וועלט. "אויב נאר זי וואלט אכטונג געגעבן אויף איר קליינע בעיבי.

און די עלטערע מיידל, זי דערנענטערט זיך שוין צו זיבעציג. און זי קוקט צוריק מיט חרטה. ביי די אכצן האט זי געהאט גאר א גוטער שידוך פארשלאג אבער זי איז געווען צו שטאלץ און צו אמביציעז. זי האט געוואלט א קאריערע און זי האט עס אדורכגעלאזט.

און אזוי קוקן מיר צוריק אויף די מעשיות, פון יוסף הצדיק און להבדיל נעכא און די מיידל וואס ווארט נאך אויף 'פרינץ גלאנץ' און מיר דערמאנען זיך אז מיר דארפן זיך לערנען פון אנדערע מענטשן'ס טעותים און שפירן חרטה אויף אונזערע אייגענע טעותים. און ווי שנעלער אלץ בעסער, ווייל מיר וועלן האבן א גרעסערער תיקון, מער אפווישן דעם שטר חוב און מער געלעגנהייט צו מאכן ענדערונגען גייענדיג ווייטער.

## ענדערונגען וואס דו קענסט מאכן

אבער צו דאס אלעס קען מען נאר דערגרייכן ווילאנג מ'געפינט זיך נאך דא. ווייל די פרוי, יעצט איז זי שוין אויף יענער וועלט. איך האף אז זי געפינט זיך אין א גוטן אפטיילונג אבער דאך קענט איר זיכער זיין אז זי ליידט נאך פון דעם צוף פון חרטה. 'אויב נאר... אויב נאר... אויב נאר איך וואלט געטון דאס און יענץ וואלט מיין געשיכטע געווען אזוי אנדערש.' דאס איז וואס עס שטייט, **רְשָׁעִים מְלֵאִים חֲרָטוֹת** - די זינדיגע זענען פול מיט חרטה. און דאס איז א טייל פונעם גיהנום. אין גיהנום ליידן מענטשן פון חרטה אויף וואס עס וואלט געקענט זיין. און דער בעסטער אופן צו פארמיידן די דאזיגע אייביגע חרטה איז צו זיין ווי יוסף און האבן דעם יגון אויף דער וועלט.

ווען מיר הערן די מעשיות און פילן טרויער, זענען מיר ערווארטעט צו מאכן ענדערונגען. אויב וואוינסטו אויף א צווייטער שטאק אדער א העכערער שטאק, מוזן די פענסטערס זיין באשיצט אין אלע צייטן! און די שבת לעכט מוזן זיין אין א צימער וואו די קינדער האבן נישט קיין צוטריט. און א מיידל זאל נישט אפזאגן א לייטישן שידוך פארשלאג מיט דער האפענונג אז עס וועט איר פלוצלינג אונטערקומען 'פרינץ גלאנץ'. ווייל עס קען מעגליך זיין אז זי וועט נאך ווארטן אין מושב זקנים. עס זענען פאראן מענטשן וואס זיצן אין מושב זקנים און זיי ווארטן נאך אויף אים צו קומען צו זיי אויף זיין ווייסן פערד אדער אין זיין ווייסן קאר.

## א גוטער אנהייב

אלזא, מארגן אינדערפרי ווען איר שטייט אויף, מאכט עס פאר אייער אויפגאבע, צו אפגעבן אביסל צייט פאר חרטה. 'אה! נעכטן! וויפיל מער וואלט איך געקענט אויפטון אויב איך וואלט צוגעלייגט קאפ דערצו.' און אביסל חרטה פאר'ן שלאפן גיין די פריערדיגע נאכט וועט דיר איינגאנצן

נישט שאדן. און דאן ווען דו שטייסט אויף אינדערפרי טראכסטו, 'איך גיין אין שול. איך גיי היינט דאווענען תפילה בציבור. און איך גיי זיך אנשטרענגען צו דאווענען ווי עס דארף צו זיין. און איך גיי פראבירן צו לעבן ווי אן ערליכער איד אין אלעם; מיט גוטע מידות, מיט יראת שמים.'

דו האסט נעכטן געמאכט טעותים? דו ביסט אפגעלאפן דאס דאווענען און דורכאויס די גאנצע צייט ביסטו געווען אויף א רייזע קיין אפריקע אין א סאפארי? דו האסט נישט געעפנט א ספר אין די פאר איבעריגע מינוטן וואס דו האסט געהאט? דו האסט געזאגט עפעס שארף צו דיין ווייב? איז האסטו חרטה אויף דעם און דו מאכסט יעדן טאג א נייער אנהייב.

יעדער מענטש קען אויפשטיין אינדערפרי און פילן חרטה אויף וואס ער האט געטון אין דעם פריערדיגן טאג און אויף וואס ער האט נישט געטון אזוי גוט. דאס אליין איז א תיקון; עס ווישט אפ טייל פונעם שטר חוב. און דאן מאכט ער אפ ביי זיך צו מאכן דעם היינט אלס א בעסערן טאג. 'אנגעהויבן פון היינט וועל איך פראבירן צו לעבן מיט אן אמת'ער שלום בית מיט מיין ווייב. איך וועל נישט ווי טון אירע געפילן, און איך וועל אלעמאל פראבירן איר צו שעצן און איר מאכן פרייליך.'

אויך א ווייב; אויב זי שפירט אמת'ע חרטה אויף וואס עס איז געווען, וועט זי מאכן זיכער צו מאכן דעם היינט אלס א פיל בעסערן טאג. זי וועט טראכטן, 'מיין חרטה אויפ'ן עבר מיינט א נייער אנהייב אין מיין לעבן. איך גיי פראבירן צו פרייליך מאכן מיין מאן און אים קיינמאל נישט זאגן עפעס געמיין. איך וועל אים נישט בעטן צופיל זאכן פאר מיר אדער פאר'ן הויז. איך וועל פראבירן זיך צו מצמצם זיין כדי אים צו פארגרינגערן.'

## זיך אויפהייבן נאכ'ן פאלן

און ווען א מענטש לעבט אזוי, וועט זיין פרייד זיך נאר פארמערן נאכאנאנד ווייל יעדער טאג ווערט א בעסערער טאג. די חרטה וואס ער פילט ווערט ווי א נאכאנאנדער עלעקטרישער שטראם צו שלימות און צו לעבן מיט הצלחה; עס לייגט נאר צו צו זיין גליק. יעדע מאל וואס ער פאלט הייבט ער זיך ווידעראמאל אויף און נעמט נאך א טריט פאראויס.

דאס איז וואס מען דערציילט אויף רבי נחמן מ'ברסלב זצ"ל. הרה"ק רבי נחמן שרייבט אין די הקדמה צו איינע פון זיינע ווערק אז ער האט פראבירט פיל מאל און ער איז געפאלן. אבער ער האט געהאט איין מעלה, האט ער געזאגט. יעדעס מאל וואס ער איז געפאלן, האט ער זיך צוריק אויפגעהויבן און געזאגט, "אצינד הייב איך נאכאמאל אן." ער זאגט, "צומאל האט עס פאסירט הונדערט מאל א טאג!" אין איין טאג, האט ער הונדערט מאל זיך אויסגעגליטשט, אבער יעדעס מאל האט ער געזאגט, "ניין. יעצט הייב איך אן אינגאנצן פונדאסניי!"

און דאס איז וויכטיג פאר אונז - צו פראבירן אלעמאל צו מאכן א נייער אנהייב, א בעסערן אנהייב. און עס איז די חרטה אויפ'ן עבר וואס וועט מאכן דעם נייעם אנהייב נאך בעסער. און ווי מער מאל מיר וועלן מאכן א גוטער אנהייב, אלץ בעסער וועט זיך דער סוף אויסארבעטן.

**טוֹב אַחֲרִית דָּבָר** - אלעס ענדיגט זיך גוט, **מֵרֵאשִׁיתוֹ** - אויב איז עס גוט פון אנהייב. און ווי מער מאל דו מאכסט א גוטער אנהייב, אלץ בעסער וועט דער סוף זיין. און דאס איז עס אויף היינט. ס'איז צייט פאר מעריב און איך ארבעט שוין איבערשטונדן.

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

### שאלה:

### ווי אזוי באקומט א מענטש זעלבסט-זיכערקייט?

### תשובה:

אוי! ווער זאגט אז מען דארף האבן זעלבסט-זיכערקייט? ס'איז א נארישקייט. די פסיכאלאגן און טעראפיסטן דרייען א קאפ. ס'איז א שאד די געלט צו גיין צו זיי - אויסער אויב ס'איז א פרומער איד. ער דארף די פרנסה, איז ווילט איר אים ארויסהעלפן; געבט אים פרנסה.

ווי אזוי צו באקומען זעלבסט-זיכערקייט? ווער דארף זעלבסט-זיכערקייט?! פארקערט, ווערט פטור פון זעלבסט-זיכערקייט. זאגט, "איך בין גארנישט, איך בין קיינער. איך דארף ארבעטן שווער צו ווערן אן איינער!" לאמיר זאגן אז איר האט שוין געלערנט האלב ש"ס; זאגט, "איך בין א גארנישט. איך דארף נישט קיין זעלבסט-זיכערקייט, איך דארף קענען גאנץ ש"ס; האלב ש"ס איז נאך גארנישט." געבט אויף אייער זעלבסט-זיכערקייט.

די אלע זאכן דארפט איר וויסן זענען אויסדריקן וואס קומען פון דער דרויסנדיגער וועלט און מיר זענען שקלאפן צו דער סביבה. מיר הערן זיך צו צו די רעדעריי פון דער וועלט און מיר גלייבן אז פסיכאלאגן האבן א תורה וואס מיר האבן נישט געוואוסט פון פריער. די תורה פון כאראקטערס טרעפט מען אין די ספרים, אין אונזערע מוסר ספרים און אין דער גמרא. אויב קוקט איר גוט וועט איר טרעפן די גאנצע פסיכאלאגיע וואס איז אמת. ס'איז שוין דארט. וואס עס געפינט זיך נישט דארט, ווייסט איר אז ס'איז נישט אמת. ס'איז די פאנטאזיע פון צוויי אפיקורסים; איינער פון זיי האט געהייסן פריוד; זיגמונד פריוד איז געווען אן אויסוואורף. דער אנדערער איז געווען קארל יונג. צוויי מענטשן. און וואס זיי האבן געזאגט איז ווערדלאז.

איר קענט פרעגן, ווי אזוי איך ווייס דאס? איך קען דאס אלעס. וואס איך זאג אייך, ווייס איך וואס איך רעד.

אלע ריכטיגע פסיכאלאגיע געפינט זיך אין אונזערע ספרים. די גדולי ישראל האבן דאס אדורכגעטון אין אלע דורות. מיינע רבי'ס אין סלאבאדקע זענען געווען ריזיגע חכמי הנפש. ריזיגע חכמי הנפש! זיי האבן אפגעלערנט כאראקטערס; זיי האבן דערקענט מענטשן פון דעם אופן ווי אזוי זיי האבן געשמייכלט, פון דעם וועג ווי אזוי זיי האבן גערעדט. זיי זענען געווען ערפארן; זיי האבן געהאנדלט מיט הונדערטער און הונדערטער בחורים פאר יארן לאנג, און זיי האבן געלערנט אלע ספרים און אריינגעטראכט אין זאכן. זיי האבן געהאט די אמת'ע חכמת הנפש. און דערפאר, אויב ווילט איר וויסן דעם אמת פון דער וויסנשאפט פון כאראקטער, גייט נישט צו די אומות העולם. עס געפינט זיך אין אונזער תורה מער ווי סיי וואו אנדערש.